# שול־ביבליאטעק

## № 6

ח. נ. ביאַליק

# נח און מארינקע



פאַרלאַג
„קולטור־ליגע"
וואַרשע.

באַרקירצט פֿאַר קינדער.

גערדוקט אין 3500 עזק.
וואַרשע, 1921.

Nojach i Marynka. Ch. N. Bialika. Wyd. „KULTUR-LIGE“ Warsz wa, 192

Druk. I. Hendlera, Warszawa, Długa 26.

# נח און מארינקע.

נאָך אין די קינדער־יאָרן, באַלד ווי זיי זיינען שכנים געוואָרן, האָבן מאַרינקע — שקוריפּינטשיכעס שיקסל און חנינאַ־ליפּאַס בן־יחידל — נח, אַ ייִנגל אין אירע יאָרן, געשלאָסן צווישן זיך גאָר נאָנטע גוטפריינטשאַפט.

זי, מאַרינקע, איז דאָך דעמאָלט געווען אַזוי עלנד, אַזוי איינזאַם! צום ערשטן, בעת „דיאַדיאַ" סעראַפּים האָט נאָך געוווינט אין יענער געגנט, איז נאָך נישט געווען אַזוי אומעטיק: די מומע פלעגט זי אָפּטמאָל שיקן צו אים אַ טעפּל, צי אַ זיפּל לייען און דערביי פלעגט זי שפּילן זיך אין זאַמד מיט סעראַפּימס שייגעצל, דעם קליינעם מאַקאַרקען. דער דיאַדיאַ אַליין האָט איר אויך געוויזן אָפט אַ גוטע מינע: אין חגאות פלעגט ער איר פון מארק אַ בייגל ברענגען, און אַז די מומע האָט זי שוין צופיל געשלאָגן — פלעגט ער קומען און אַרויסרייסן זי פון אירע הענט. נאָר זינט דער דיאַדיאַ האָט זיך איבערגעצויגן און געלאָזן די דירה מיטן הויף פוסטעווען — האָט זיך אויף איר אַ שוואַרצע כמאַרע אָנגערוקט. ניטאָ שוין מער קיין „דיאַדיאַ", ניטאָ מאַקאַרקע, נישטאָ גאָרניט. געבליבן איז נאָר אַ פאַרצאָרנטע „מומע", וואָס ציקעט זיך תמיד, און סטוסאַקעס, מיט הונגערן, מיט זיצן־פאַרשפאַרט אין הויף, ווי אין אַ תפיסה.

פרילינגס-צייט, ווען עס קאכט די ארבעט אויפן באשטאן און אויפן גארטן, פלעגט די מומע גאנץ פרי, באלד ווי די זון גייט אויף, אוועקלויפן אין באשטאן צו אירע ארבעטארינס און קומען צוריק שטאק-נאכט, ווען דער הימל איז שוין געווען אויסגעשטערנט. אוועקגייענדיק, פלעגט זי אויף מארינקען דעם גאנצן הויף איבערלאזן, און, אגב, פארזאגן איר הייזעריק מיטן הארבן ווארט, „זי זאל זיך ניט דערוועגן אפטרעטן פון הויף אויף קיין מינוט נישט". מארינקע האט געפאלגט און פון הויף אין ערגעץ קיין שריט ניט געמאכט. גאנצע טעג פלעגט זי זיצן פארשפארט צווישן די פיר ווענט און היטן דעם הויף. נאך גוט, וואס דאס קליינע הינטל, שקוריפין, האט זיך גראד דעמאלט צו איר צוגעשארט און זי הארציק ליב געקראגן — אז ניט, וואלט זי די נודנעקייט ניט אויסגעהאלטן.

איין טייערן אוצר האט זי געהאט ביי זיך פארבארגן — א שנירל פארטריקנטע, פארהארטעוועטע בייגעלעך, וואס דער פעטער האט איר, פאר זיין איבערפארן, א מתנה געלאזן. וואכנלאנג האט זי ניט פארגונען זיך אויפצועסן זיי און אלע מאל, בלייבנדיק אליין, פלעגט זי זיי ארויסבאקומען און דערמיט שפילן זיך. איטלעכן טאג פלעגן זיי ביי איר אויסקומען שפאגל-ניי און אלע מאל מיט א נייער מעלה: ס'ארא געלינקע, קיילעכיקע, ווי די רינגעלעך, בראסקען זיך, ווי די שטיינדעלעך... זיי זיינען אפילו פיצינקע, אבער ס'ארא גראבינקע, זע נאר, ס'ארא גראבינקע... קוים וואס מע זעט אן די לעכעלעך. צען מאל א טאג פלעגט זי זיי ציילן אויף די פינגער — און א מאדנע זאך: תמיד קומט אויס ניין, נישט מער און נישט ווייניקער. איז זי אבער איינמאל שטארק הונגעריק געווען — האט זי דעם יצר-הרע ניט געקאנט ביי-

שטיין און אַלע בייגעלעך אויפגעגעסן. פון דעמאָלט־אָן איז זי געבליבן ביי איין שקוריפּינען, און נאָך — ביים געדעכע־ניש פון דעם גוטן פעטער.

עלנד און פאַרומערט פלעגט זי זיצן גאַנצע טעג אויף דער פריזבע צווישן שטוב און דער שערענגע ביימער, און ביי אירע פיס איז געלעגן אויסגעצויגן שקוריפּין, דאָס איין־און־איינציקע באַשעפעניש, וואָס האָט איר האַרץ פאַרשטאַנען און געוועזן צו איר צוגעבונדן מיט לייב און לעבן. ליגט זיך דאָס הינטל נעבן מאַרינקען, קוקט איר אין מויל אַריין, קוקן זיך ביידע איינס דאָס אַנדערע אין די אויגן. פונדערווייטנס, פון דאָרט, וווּ די גערטנער מיט די קאַשטאַנעס זיינען, קומען אַהער זיך צו טראָגן אָפּגעריסענע טענער פון לידער, וואָס אַרבעטאָרינס־שיקסעס זינגען מיט זאַפּטיקע, קלאָרע פרילינגס־שטימען — און ביידע, מאַרינקע מיט שקוריפּינען, שטעלן פּלו־צים אָן די אויערן. דער הונט הויבט אָן ציטערן־פלאַטערן, און פּלוצים גיט ער זיך אַ כאַפּ־אויף און אַ שטעל אויף די פיס, דרייט מיטן עק און שטעלט־אָן אַ פּאָר צעברענטע אויגן אויף מאַרינקען, ווי איינער זאָגט: „לאָמיר גיין, מאַרינקע, און טאַ־קע באַלד!"... נאָר זי נעמט אים אויף אירע קני אַרויף און דריקט אים צו צום האַרצן: „מע טאָר נישט, שקוריפּין, מע טאָר נישט. די מומע שלאָגט"...

איינמאָל אין אַזאַ טאָג האָט עפּעס אין שכנישן הויף זיך גענומען רודערן. „די זשידעס זיינען שוין דאָ", האָט די מומע איר געזאָגט.

פון יענעם טאָג אָן איז דער מומעס פאַרזאָג, ביים אַוועק־גיין, געוואָרן האַרבער און אירע קנייפּן — פעפערדיקער. זי האָט אָנגעהויבן היטן זיך נאָך פיל מער, ווי פריער: אַלצדינק, וואָס מע קאָן נאָר פאַרבאַהאַלטן, צי פאַרשליסן — האָט זי

געזען, ווי ווייט מעגלעך, צו באַוואָרענען: אויפגעהאָנגען שלעסער אויפן קעלער, אויפן בוידעם, אויף דער שאַפע, געבראַכט פון ערגעץ אַ נייעם הונט אויפן הויף.

„גיב אַכטונג מיט ביידע אויגן — פלעגט זי מאַרינקען פון דעמאָלט־אָן צען מאָל פאַרזאָגן — הערסט?”

און מאַרינקע בויגט אָן דעם קאָפּ און הערט. נאָר אין דער זעלבער מינוט, ווי די הויף־פּאָרטקע פון יענער זייט סאָד גיט צוויי מאָל אַ סקריפּ און פאַרקלאַפּט זיך אונטער דער מומעס פלייצע — אַזוי באַלד שטייט זי שוין נעבן דער הויכער צוים, וואָס גרענעצט איבער ביידע הויפן. פון זינט די ייִדן האָבן זיך אַהין אַריינגעצויגן, קאָן זי אונטערן פלויט אַזוי אָפּשטיין שעהנווייז, אָנגעשפּאַרט מיטן קעפּל אויף ביידע הענטלעך און צוגעשמידט מיט די אויגן צום שפּעלטל. אַזוי צו שטיין איז איר פיל ליבער, איידער זיצן און נודען זיך אויף דער פריזבע. זי זעט אַ פרישן מענטשן און הערט עפּעס משונה־מאָדנע ווערטער: „גיר־גיר” — קיין איין וואָרט פאַרשטייט זי ניט.

אויף דער ערד פון יענער זייט פלויט ליגן, צונויפגעלייגטע און אָנגעוואַלגערטע, יאַרוסן און גלאַט אַזוי בערג מיט קלעצער, באַלקנס, ברעטער, שינדלען, דרענגלעך, פון זיי אַ סך — אַלטע און פאַרשוואַרצטע, און אַ סך — נייע און פייכטלעכע, וואָס גלאַנצן נאָך מיט יונגער ווייסקייט, באַגילדעט ערטערווייז מיט פעטע קלעפּיקע טראָפּנס פון רויער, שאַרף־שמעקנדיקער „זשיוויצע”. איבערן הויף פאָרן פורלעך אויף־און־אָפּ. צווישן די יאַרוסן דרייט זיך אום אין אַ קאַפּאָטע אַ נידעריק באַוואַקסן מענטשל מיט אַ קיילעכיק בייכל, פאָרקעט זיך דאָרט און קרעכצט און באַגיסט זיך מיט שווייס.

— „דאָס איז טאַקע דער זשיד” — באַשליסט מאַרינקע

שרעקעדיק, און קוקט פונדעסטוועגן ווייטער.

ביים ייִד פאַר די פיס פּלאָנטעט זיך עפּעס אַ שוואַרצ־חנעוודיק געקרייזלט ייִנגל: ער קלעטערט אַלע מאָל אויף די יאַרוסן אַרויף און אַראָפּ, שפּרינגט איבער קלעצער, איבער ברעטער, מאַכט זיך פאַר אַ בעל־עגלה, שטייט כּלומרשט אויף דער קעלניע און שמייסט מיט דער בייטש אין דערלופטן: „היי, היי!" דער אַלטער מיט דער קאַפּאָטע שרייט אויף אים אָן, שטופּט אים פון יאַרוס אַראָפּ, גיט אים הינטן מיט דער קני און טרייבט אים דורך — און דאָס ייִנגל לאָזט זיך לויפן אַהיים מיט אַ ביטער געוויין. באַלד דערויף דערהערט זיך אין הויף אַ קוויטשענדיקער ווייבערשער קול פון שטוב אַרויס: „נינאָ־ליפאָ! נינאָ־ליפאָ!..." דערנאָך אַ ליאַרעם, אַ געפּילדער, וואָס מאַרינקע פאַרשטייט דערפון קיין וואָרט נישט... דער קליינער שקוריפּין, וואָס איז אויך דערביי געשטאַנען, הויבט אָן פלוצים שפּרינגען אויפן פלויט און—„האַוו־האַוו!". אַ דער־ציטערטע האָט מאַרינקע זיך אַוואָרף־געטאָן פון פלויט אַוועק און גלייך אַנטלאָפן מיט שקוריפּינען צוריק אויף איר אָרט — אויף דער פריזבע.

— אַ לעבעדיק ייִנגל — האָט מאַרינקע אַ טראַכט גע־טאָן—איז ער אויך אַ זשיד?

מאַרינקע איז נאָך דעם אַ פּאָר טעג געווען פאַרטראָגן, שקוריפּינשטשיכען באַדינט און געהאָלפן איר אין דער שטוב־אַרבעט, אין סאָד האָט מען די ביימער גראָד געשווירן, האָט מען זיך מיט דער קליינער אַ גאַנצן טאָג געשאַפט און אומ־געטריבן הין און הער. דאָ לויף אין קעלער, קלעטער אויפן בוידעם, און דאָ מוז זי געבן עסן די הינער און חזרים — און צו דעם אַלעמען כאַפּט זי אַלע מאָל קנייפּן. ביים ייִד אויפן הויף הערט מען נאָר, ווי. מע וואַרפט ברעטער אַרויף און

אַראָפּ: „טראַר — טאַראַראַך!" און שקוריפּינשטשיכע האָלט אין איין זידן און קנייפּט אָן אויפהער...

אין עטלעכע טעג אַרום, איינמאָל גאַנץ פרי, באַלד ווי די מומע איז פון הויף אַוועק, שטייט מאַרינקע ווידער ביים פּלויט. גענומען אים באַטראַכטן נעענטער, גיט זיך איר אַ וואָרף אין די אויגן אַ לאָך פון אַ סוק, וועלכער איז אַרויסגעפאַלן פון אַ פּלויט־ברעט. דאָס לעכל משופּעדיק, און לענגלעך־קיי־לעכיק, ווי אַן אָקסן־אויג, איז געווען גאָר נידעריק פון דער ערד, פּונקט אַנטקעגן דעם שכנס פריזבע. מאַרינקע האָט זיך אויף די קני געשטעלט און קוקט זיך איין אין לעכל. אַרום איז טונקל, שאַ־שטיל. צווישן פּלויט און דעם שכנס שטוב, סאַמע אונטער די ברעגעס דאַך, ציט זיך אַ שוואַרץ פּאַסעקל פריש צעגראָבענע ערד. דאָס פּאַסעקל שטעלט פאָר אַ גאַנצע שורה פון פּיצינקע ביימעלעך, און אין מיטן שטעקט אַ גראָב־אייזן. זען זעט מען קיינעם ניט. „ווער קאָן עס דאָ זייען?" — וווּנדערט זיך מאַרינקע.

„שאַ, מע גייט". שקוריפּין גיט זיך אַ כאַפּ־אויף, גרייט צו אָנהויבן בילן.

„טס!" פאַרכאַפּט מאַרינקע און שטילט איין דעם הונט, דערנאָך הערט זי זיך ווייטער צו. נישט מע גייט, נאָר מע שפּרינגט. עמעצער שפּרינגט פון יענער זייט: האָפּ־האָפּ! — ווי אַ לאָשעקל, אַלץ נעענטער אַהער, אַהער...

און באַלד איז אין הינטערגעסעלע, צווישן פּלויט און שטוב, געקומען צו שפּרינגען דאָס שוואַרצחנעוודיק, גע־קרייזלט יינגל. „ס'איז ער!" — דערקענט אים מאַרינקע און האַלט איין דעם אָטעם.

דאָס יינגל האָט געלויכטן פאַר גרויס פרייד און גליק, הויבט די פּולע הויפן אין דער הויך, כאַפּט אַ טענצל אונטער

און זינגט: „ס'אי דאָ, ס'אי דאָ!" פון די פאַרמאַכטע הענט שיטן זיך ביי אים אַלע מאָל דורך די צונויפגעדריקטע פינגער אויף דער ערד אַרויס קערנדלעך פון אַרבעס, אַרבוז־יאָדערן און פאַסאָליעס:

— „משוגע"—טראַכט מאַרינקע, און אַ שטיל געלעכטערל בלייבט איר שטעקן קיצלענדיק אין האַלז, נאָר זי האַלט זיך איין. מיט איין האַנט פאַרשטעלט זי זיך דאָס מויל, מיט דער צווייטער — שקורי־פינעך. זי דערקענט אין זיין פלאַטערן, אַז ער קאָן זיך אויך ניט איינהאַלטן, אָט־אָט שיסט ער אויס.

— וואָס אי' דאָ? — האָט זיך ביי איר אַרויסגעכאַפּט נישט־ווילנדיק פון מויל אין לעכל אַריין, און באַלד האָט זי חרטה געקראָגן.

דאָס יינגל האָט לייכט אַ ציטער געטאָן: און אומגעקוקט זיך אַ געפּלעפּטער. אויף גיך האָט ער אין קעשענע די קע־רנדלעך פאַרבאַהאַלטן. דערזען דאָס לעכל, האָט ער זיך שטי־לערהייט אויף דער קני געשטעלט און מיט לייכט־דערשראָ־קענע אויגן אַהין אַ קוק געטאָן. פון דאָרט האָט אים אַנטקעגן אַ שמייכל געטאָן אַן אויג, אַ קלוגס, אַ ליכטיקס...

אַ ווילע זיינען זיי שטיל און פאַרלעגן אַזוי געשטאַנען.

— ווער ביסטו? — האָט ער ענדלעך אַ פרעג געטאָן דאָס אויג.

— איך... מאַרינקע...

— און איך בין נח!...

זיי זיינען אַ ווילע שטיל געבליבן. מאַרינקע האָט זיך אַ ביסל פון לעכל אָפּגערוקט. נח האָט זי אַ ווילע באַטראַכט און זיך אָנגערופן, ווי מיט פאַריבל:

— וואָס קוקסטו אַהער? דו?

— גאָרנישט. כ'וויל זען, וואָס טוסטו דאָ?

— איך?... כ'זיי דאָ...

— כי־כי־כי—האָט מאַרינקע זיך צעלאַכט און פאַרגראָבן זיך מיטן קאָפּ צווישן די אַקסלען.

— וואָס לאַכסטו, דו?—האָט זיך נח אָפּגערופן מיט פאַרדראָס אַ ביסל באַליידיקט.

נאָר דאָ האָט דער הונט אַביל געטאָן. נח האָט זיך באַלד געלאָזט איבערבעטן און פאַרפירט מיט איר אַ שמועס מכח דעם הונט. ער פרעגט, זי ענטפערט. און אַזוי איז עס אַוועק, ביז ער האָט איר גענומען איינרעדן, זי זאָל מיטן הונט אַריבער צו אים, אין הינטערגעסעלע.

—„איך, זעסט—האָט נח מיט איר איינגעטענהט—אַ גערטנדל זיי איך. קום וועלן מיר זייען ביידע. כ'האָב אַלצדינק, זאָל איך אַזוי לעבן! אָט, זע, פאַסאָליעס, און אַרבעס, און יאָדערן"—דערביי האָט ער פון די קעשענעס גענומען שלעפן נאָכאַנאַנד די קערנדלעך.—

—„וועסט קיינעם ניט דערציילן?—האָט ער זי פלוצים אַ פרעג געטאָן—ס'איז דער מאַמעס. כ'האָב שטילערהייט אַרויסגעשלעפּט, די מאַמע זאָל ניט וויסן; אַז ס'וועט אויסוואַקסן, וועל איך איר אָפּגעבן ת"ק טויזנט מאָל מער. כ'זאָל אַזוי לעבן... נו, מאַרינקע, ווילסט?"

מאַרינקע שאָקלט מיטן קאָפּ:

— ניין!

— פאַרוואָס?—פרעגט נח געפאַלן ביי זיך.

— אַזוי, אין היטערגעסעלע נישטאָ די זון.

— איז וואָס?—האָט נח זיך פאַרוווּנדערט און דערשראָקן.

— וועט וואַקסן „אין סטויפּ אַריין", אומזיסט דיין אַרבעט.

— אַי, ס'אַ ליגן,—האָט נח זיך ווידער באַליידיקט און

שיער ניט אָנגעהויבן וויינען—ס'וועט וואַקסן, וואַקסן, אַ סך, אַ סך אויסוואַקסן. פאַרנאַכט דערלאַנגט אַהער די זון. כ'האָב אַליין געזען, איך ווייס בעסער...

מאַרינקע האָט גאָרנישט ניט געענטפערט. זי האָט גענומען דעם הונט צו זיך אויף די הענט, גלעט אים ווייך איבערן קאָפּ און בלאָזט אים קיל אונטערן אויער. נח האָט איר געוואָלט נאָך עפּעס זאָגן, נאָר דאָ האָט זיך איבערן הויף געלאָזט הערן אַ קוויטשענדיקער ווייבערשער קול פון שטוב אַרויס:

— נח! נח!

— נח האָט אַ שפרונג געטאָן און באַלד פון געסעלע פאַרשוווּנדן.

---

פון יענעם טאָג אָן זיינעןביידע קינדער געוואָרן גוטע פריינט. אַלע מאָל, ווען שקוריפּינשטשיכע איז פון הויף אַוועק, פלעגן זיי זיך אין דערשטיל אויפן זעלבן אָרט צוזאַמענטרעפן און דורכן לעכל אויסדערציילן איינס דאָס אַנדערע אַלץ, וואָס ביי זיי אונטערן האַרצן.

נח פלעגט דערציילן אַ סך, אַ סך, מיט האַרץ און מיט התפּעלות און מיט שבועות. בעת־מעשה פאַרפאַרבן זיך ביי אים די בעקלעך — פלאַם־פייער, און די אייגלעך צעשפּילן זיך אים. דערציילט האָט ער איר פון זיין געבורטס-דאָרף, ווו זיי האָבן פריער געוווינט, וואָסערע חברים ער האָט אין דאָרף געלאָזן, וואָסערע שייניקנקע הינטעלעך ער האָט דאָרט פאַרמאָגט. „אוי, אוי — ער מאַכט-אַזש צו די אויגן — אַזעלכע קליינינקע, אַזעלכע שייניקנקע!...” נאָך פלעגט ער אויך דערציילן פון עפּעס אַ וואַלד: גאָר־גאָר־גאָר אַ גרויסער, ווי די גאַנצע וועלט, זאָל ער אַזוי לעבן! די ביימער אַזוי הויך — אַ

שרעק, ווי הויך! ער איז אַליין דורך יענעם וואַלד געפֿאָרן, זאָל ער אַזוי לעבן! בעתן איבערציִען זיך איז ער מיט די עלטערן דאָרטן דורכגעפֿאָרן. מע פֿאָרט, און מע פֿאָרט, און מע פֿאָרט, און דער וואַלד לאָזט זיך גאָר נישט אויס. ווען זיי זייַנען פֿון וואַלד אַרויס — געדענקט ער נישט. ער איז אַנטדרימלט געוואָרן אויפֿן וואָגן, ליגנדיק אויף אַן איבערבעט. און אַז ער האָט זיך אויפֿגעכאַפּט און מער נישט געזען קיין וואַלד — האָט ער זיך צעוויינט, זאָל ער אַזוי לעבן. ער האָט אַזוי געווייִנט! אפֿילו די בהמה „מינקע" האָט אויך געווייִנט. זי איז פֿון הינטן נאָכגעלאָפֿן, צוגעבונדן צום וואָגן מיט אַ שטריק — און אַלע מאָל פֿלעגט זי פֿאַרדרייִסן דעם קאָפּ אַרונטער און געווייִנט: מ־ע־ע. דאָס האָט זי געבענקט נאָכן קעלבל, וואָס איז פֿאַרבליבן אין דאָרף. אוי, איז דאָס געווען אַ שיין קעלבל! אינגאַנצן אַ רויטינקס מיט אַ ווייַס לאַטקעלע אויפֿן שטערן. אַ גאַנצן טאָג האָט עס געבריקעט; אַלע מאָל מאַכט עס: האָפּ־האָפּ! פּעטראָ האָט דאָס אָפּגעקויפֿט פֿאַר צען גילדן, זאָל ער אַזוי לעבן! דאָס לאָשעקל האָבן זיי קוזמען פֿאַרקויפֿט. עס איז געווען אַ שוואַרצלעכס און ס'האָט ליב געהאַט זיך בריקען. אין דאָרף האָבן זיי געהאַט אַ סך בהמות מיט אַ סך פֿערד. איצט האָבן זיי מער ניט ווי איין בהמה, טאַקע מינקע, און איין פֿערד, „שמאָראָוואָז" רופֿט מען אים. אָן־אָ שטייט ער אין שטאַל. ע, זי, מאַרינקע, האָט נישט קיין „שמאָראָוואָז"...

מאַרינקע ווידער פֿלעגט, פֿון איר זייט, דערציילן נחן, וואָסערע מיני אַרבעט זי האָט אין שטוב און אין סאָד; שוין אַ סך פֿרוכטן אין סאָד פֿאַראַן און זי נעכטיקט דאָרט אין די פֿינסטערע נעכט. איינע אַליין שלאָפֿט זי דאָרט אין ביידל, זי האָט זיך דאָרט אַזוי מורא. אַ גאַנצע נאַכט גייט „עמעצער"

אום אין סאַד איבער די סטעשקעס און רוישט מיט די צווייגן. שטילינקערהייט גייט ער זיך אום, הין און הער. אפילו שקו־ריפּין שרעקט זיך, ער נורעט זיך איין נעבן איר אויפן גאַרב שטרוי און טרייסלט זיך, מאַכט־צו די אויגן, כּלומרשט ער הערט נישט... דאָס דאָזיקע פלעגט מאַרינקע אים פאַרטרויען שושקענדיק, ווי איינרוימענדיק אַ סוד, און אינם שושקען האָט זיך געהערט אַ שטילע פאַרבאָרגענע שרעק, וואָס האָט זיך באַלד נחן איבערגעגעבן, און אויף אַ ווײַלע פאַרקילט זיין הייס בלוט...

אין מיטן אַזאַ שמועס האָט זי נח איינמאָל אַ פרעג געטאָן:

— ווו איז דיין מאַמע?

— כ'ווייס ניט — זאָגט מאַרינקע שטיל.

— און דיין טאַטע?

מאַרינקע האָט נישט געענטפערט.

— געשטאָרבן? ביסטו אַ יתומהלע?

מאַרינקע האָט שטיל דעם קאָפּ אַראָפּגעבויגן.

נח האָט אויף איר שטאַרק רחמנות געקראָגן. פון יענעם טאָג אָן האָט ער אָנגעהויבן זיך טיילן מיט איר מיט אַלע נאַשערייען, וואָס די מוטער פלעגט אים געבן. און פון זינט די פרוכטן אויף די ביימער זיינען צייטיק געוואָרן, בייטן זיי זיך איינס מיט דאָס אַנדערע: ער וואַרפט איר דורכן פלויט אַריבער אַ שטיקל שבת־חלה און באַקומט דערפאַר, פון איר זייט, אַ שיינעם עפּל אָדער אַ באַר. אַמאָל, ווען די מוטער גיט אַ פּופּיקל, ברעכט ער אָפּ פון אירעטוועגן אויך אַ ברעקל און דערלאַנגט איר דורכן לעכל. פיל מאָל האָט ער שטאַרק חשק געהאַט צו איר אין הויף אַריבער — נאָר עס גייט ניט: דער הויף איז געווען אַרום־און־אַרום פאַרשלאָסן, גאָר נישט צו צוטרעטן. נאָר איינמאָל, האַלטנדיק אין שמועס מכּוח סוסים,

האָט אים מאַרינקע שטילינקערהייט, לויט איר שטייגער, פאַר־טרויט, אַז בײַ דער מומען אין שטאַל שטייט אויך אַ פערד, און נישט קיין פערד — נאָר אַ פערדעלע, און הייסן הייסט עס „מוציק".

נח האָט זיך אָנגעכאַפּט:

— טאַקע? אַ קליינינקס? אַי, מאַריניטשקע, ווייז מיר מוציקן, לאָז מיך אין שטאַל אַריין...

— ניין, ניין, ניין — האָט זיך מאַרינקע דערשראָקן — מע טאָר ניט!

— יאָ, יאָ, יאָ — שפּאַרט זיך נח איין — מע מעג!

און טאַקע באַלד גענומען קלעטערן איבערן הויכן פּלויט. מאַרינקע האָט אַ דערציטערטע געגעבן זיך אַ כאַפּ־אויף פון אָרט און פאַרבראָכן די הענט: „אַראָפּ, נאָ, אַראָפּ! די מומע וועט מיך הרגענען. אוי, גוואַלט, שוין קריך אַראָפּ!"

און נח האָט געמוזט אַראָפּ.

„וואָס ציטערט זי אַזוי פאַר איר מומען? — פלעגט זיך נח נאָכדעם טראַכטן מיט גרויס רחמנות אויף מאַרינקען און מיט שנאה צו דער אַלטער „מכשפה" — און ווי אַרום קומט מאַרינקע אַהער?"

מערער פון אַלע מאָל פלעגט ער זי שבת און יום־טוב באַדויערן. לעבעדיק און פריילעך גייט ער נאָכן שבתדיקן וואַרמעס אויפן הויף אַרויס, אַ פּאַרפּוצטער, אַן אויפגעלייג־טער, און דאָ טרעפט ער פון יענער זייט, ווי אַלע טאָג, מאַ־רינקען בײַ דער אַרבעט, און אַלץ איז אויף איר וואָכעדיק: דאָס פּנים, די קליידער, דאָס גאַנצע וועזן אירס. דעמאָלט פלעגט זי אים אויסזען אַזוי עלנד, אומגליקלעך

„פאַרוואָס איז זי נישט קיין ייִדישקע?" — האָט אים וויי געטאָן דאָס האַרץ. און כאַפּנדיק אַ מינוט, ווען די מומע קע־

רעוועט זיך אָפּ, פֿלעגט ער איר דורכן פֿלויט אַריבערוואַרפֿן עפּעס אַזוינס פֿון שבת־געבעקס: אַ האַלב פֿלעצעלע, אַ שטיקל שטרײַדל און נאָך אַזעלכע גוטע זאַכן, וואָס ער האָט ביי זיך אין קעשענע באַהאַלטן טאָקע פֿון אירעטוועגן.

---

אונטער חנינא־ליפּאַס הויף און שקוריפּינשטשיכעס סאָד, פֿון יענער זייט געגנט, שטייט זיך פֿונדערווייטנס, ווי אַ שטי־לע אָפּגעזונדערטע וועלט — אַ וויסטער, ברייטער, פֿאַרגריי־זערטער פּלאַץ. גערטנער און קאַשטאַנעס רינגלען דעם פּלאַץ אַרום, און אַרומגעצוימט איז ער מיט פּאַרקאַנעס פֿון אַלע זייטן.

אָט אַהינצו פֿלעגט נח זיך אָפּט אַראָפּכאַפּן, פֿון זינט ער איז געוואָרן היימיש מיט דער אַרומיקער געגנט, געריסן דאָרט זויערע באַרלעך אָדער געזוכט פֿויגל־נעסטן.

איינמאָל אין אַ תמוז־טאָג איז נח אַהין אַוועק. די זון האָט געברענט אומדערבאַרעמדיק, פֿון די צעטריקנטע דערנער אויפֿן פּלאַץ זיינען אַזש פֿונקען געפֿלויגן — איז נח אַרויף און געזעצט זיך אויפֿן בוים.

שוין עטלעכע טעג טרעפֿט ער נישט מאַרינקען ביים לעכל קעגנ־יבער: זי דאַרף היטן דעם סאָד, מע זאָל נישט גנבענען די צייטיקע פּרוכטן — און ער, נח, בענקט אַזוי נאָך איר. זיצנדיק אויפֿן בוים, קוקט ער זיך אום — און דער גאַנ־צער סאָד שקוריפּינשטשיכעס עפֿנט זיך פֿאַר זיינע אויגן. איין ווינקל אין עק סאָד גרענעצט זיך פּונקט מיטן פֿלויט פֿון פּלאַץ, אַזוי אַז צוויי־דריי ברעטלעך פֿונם פֿלויט זיינען ביי זיי שותּפֿותדיקע. די ביימער אין סאָד זיינען אַלע אָנגע־לאָדן מיט פּרוכטן: בלאַנקענדיקע עפּל און גינגאָלדענע

באַרן — נאָר ס'איז אזוי ווייט צו דערלאַנגען. אפשר וועט ער דערזען מאַרינקען און זי צורופן? — אָבער נישטאָ זי. א פאַרטראַכטער איז נח פון בוים אַראָפּ און אַוועק צום ווינקל. די ברעטער פון פּלויט — הויכע און פאַרשפּיצטע — אוממעגלעך צו איבערקריכן.

„ווען מע קאָן פון פּלויט אַבּרעכן אָפּרייסן — האָט אים אַ בליץ געטאָן אין קאָפּ — וואָלט ער דאָך געקאָנט מאַרינקען רעכט אָנקוקן".

און באַלד האָט ער גענומען צעשאַרן די ערד פון אונטער אַ ברעט. ער האָט געאַרבעט אויף אַלע כלים: מיט אַ שפּענדל, מיט די נעגל. נישט געדויערט קיין פּערטל שעה און שוין דורכגעגראָבן צווישן ערד און פּלויט אַ קליין גריבל, ווערליק אַ פויסט זאָל קאָנען דורך. ער שטעקט אַריין אַהין די האַנט — אַי! אָפּגעבריט די האַנט אָן קראָפּעווע.

פּלוצים זעט ער, פון יענער זייט אין לעכל שטעקט אַ הינטישע מאָרדע מיט אַ נאָז — שקוריפּין! דער הונט הויבט אָן ברומען און שמעקן, טרייסלט זיך מיטן גאַנצן קערפּער, שטופּט מיט גרויס מאַטערניש ביידע לאַפּעס מיט אַ שטיק קאָפּ אין גריבל אַריין, צעקראַצט עס בעת־מעשה מיט די נעגל, מיט דער נאָז, מיטן מויל און שפּאַרט זיך אַהין מיט אַלע כוחות, ווי זוכנדיק דאָס גריבל צו פאַרטיפערן. די זאַך גיט זיך אים נישט איין, הויבט ער אָן שטילערהייט וואָיען, ווי איינער זאָגט: „קומט ראַטעוועט!".

אין דער זעלבער מינוט האָט זיך מאַרינקע באַוויזן צווישן די ביימער. דער הונט האָט אויסגעגלייכט דעם קאָפּ, לויפט איר אַנטקעגן און שלעפּט זי צום גריבל.

— מאַרינקע! — רופט נח אויס דערפרייט.

— נאָי? — דערשרעקט זיך מאַרינקע און שטעלט זיך אָפּ — וואָס טוסטו דאָ?

— מאַרינקע, איך בעט דיך...

— גיי אַוועק, טאַקע שוין, — שלאָגט אים מאַרינקע איבער שטיל און שרעקעדיק — די מומע איז דאָ אין סאַד, קום מאָרגן... אינדערפרי... שקוריפּין!

מאַרינקע האָט דעם הונט אָפּייף געטאָן און פאַרשוואונדן מיט אים צווישן די געדיכטעביימער.

פול מיט עגמת-נפש איז נח צוריק אהיים געקומען. די גאַנצע נאַכט האָט ער געזוכט מיטלען, ווי אַזוי מיידט מען אויס די מחיצה, וואָס טיילט זיי פאַנאַנדער.

אויף מאָרגן איז ער אויפגעשטאַנען גאַנץ פרי, אַרויסבאַקומען ביים טאַטן פון אונטער דער בעט דאָס קליינע העקעלע, באַהאַלטן עס ביי זיך אונטער דער פאָלע און פון שטוב זיך שטיל אַרויסגעמאַכט.

אויפן הויף האָט ער אומגעריכט געטראָפן חנינא-ליפּאַן שטיין ביים ברונעם און פּאָיען דאָס פערד פון אַן אָנגעבויגענעם עמער. חנינא-ליפּא האָט באַלד אויף אים אָנגעשטעלט אַ פּאָר זויערע אויגן און אים אָפּגעגעבן „ברוך הבא":

— וווהין איז, תּכשיט?

נח האָט, אַנשטאָט צו ענטפערן, עפּעס אַ מורקע געגעבן גלאַט אין דער וועלט אַריין, און מיטן-קוק אַוועקגעפלויגן. נישטאָ קיין צייט — ער דאַרף גיכער לויפן אויפן פּלאַץ.

געקומען אַהין — איז שוין דער גאַנצער פּלאַץ פאַרפולט געווען מיט זונען-שיין, נאָר די שטעכעדיקע קוסטעס, אין שאָטן פון פּלויט נעבן גריבל, האָבן נאָך געפינקלט, פּייכטע פונעם מאָרגן-טוי. נח איז פאַרזונקען געוואָרן צווישן די קוסטעס און אויפן שטעל גענומען זיך צו דער אַרבעט: דעם שפּיץ

העקל פֿאַרהאַקט אונטערן ברעג פֿון ברעטל, דאָרט ווו דאָס ברעטל איז צוגעשלאָגן מיט אַ צוואָק צום אונטערשטן־דרענגל, און מיט אַלע כּוחות אָנגעהאַנגען זיך אויפֿן הענטל. דאָס ברעטל האָט זיך אַ קליין ביסל אונטערגעגעבן — טרישך! אָפּגעשטאַנען און אַנטבלויזט אַ פֿאַרזשאַווערט פּיצל צוואָק, ווי אַ שוואַרצן צאָן. צווישן דעם ברעטל און דעם צווייטן האָט זיך אַ שפּאַלט געעפֿנט, ברייט ווי אַ פֿינגער. פֿון סאָד צווישן די ביימער האָט זיך דערהערט אַ שאָרך, דאָס גייט מאַרינקע מיטן הונט. נח האָט זיך מיט־אַמאָל אָנגעשטרענגט: איינס, צוויי, דריי — קראַך! און דאָס ברעטל איז געבליבן הענגען אויף איין אויבערשטן צוואָק — ווי אַ פֿאָרהאַנג. נח האָט אָפּגעוואָרפֿן דעם פֿאָרהאַנג אָן אַ זייט.

אַ כוואַליע פֿרישע, קילבלעכע לופֿט האָט אים פֿון סאָד אַ גלעט געגעבן איבערן צעהיצטן פּנים. נעבן לאָך פֿון אינעווייניק איז געשטאַנען מאַרינקע מיטן הונט.

— קום אַרויס — זאָגט איר נח, און האַלט צו דאָס ברעטל, וואָס איז אָנגעבויגן אָן אַ זייט.

מאַרינקע, צוזאַמען מיטן הונט, האָבן זיך ווי עס איז דורכגעשטופּט און אַרויס. די זון האָט איר מיט־אַמאָל אַ שמייס געטאָן אין פּנים מיט אַלע אירע גאָלדענע פֿעדעם — און פֿאַרבלענדט איר די אויגן. ביי מאַרינקען האָט זיך אַזש דער קאָפּ פֿאַרדרייט פֿון זיסקייט, שיין און רחבות. יעדער גרעזעלע, ווו זי גיט נאָר אַ קוק — שימערירט. האָט זי זיך דעם שטערן מיט דער האַנט פֿאַרשאָטנט און אַ שמייכל פֿון שטומער דאַנקבאַרקייט איז איר אויפֿן פּנים אַרויפֿגעשווומען.

— גוט, מאַריניטשקע, גוט? — פֿרעגט נח, אָננעמענדיק זי ביי דער האַנט, און קוקט איר גליקלעך אין די אויגן.

— זייער, נאָי, זייער — ענטפֿערט זי און קוועלט.

— אין סאָד, מאַרינישקע, ווּעסטו מיך אַריינלאָזן?
— אַריינלאָזן, נו, אַריינלאָזן.
— און עפּל ווּעסטו מיר געבן?
— וויפיל דו ווילסט.
— און באַרן? און פלוימען?
— אַלצדינק געבן, אַלצדינק...

נח האָט אָבער מער ניט געהערט. משוגע פאַר גרויס פרייד און יונגער אָנגעשטראָמטער קראַפט, גיט ער זיך פלוצים אַ וואָרף אויף דער ערד, שטעלט זיך מיטן קאָפּ אַראָפּ און קערט זיך איבער, וואַרפנדיק מיט הענט און פיס, ווי אַ ראָד אויף פיר שפּיצן, וואָס קייקלט זיך פון זיך זעלבסט... דער הונט טאַנצט אים נאָך און קוילערט זיך מיט אים.

— מאַרינקע! — דערמאָנט זיך נח און גיט זיך פלוצים אַ כאַפּ־אויף — און אין סאָד ווען?!

— גיי מיר נאָך! — האָט אים מאַרינקע אַ שאָקל געגעבן מיטן קאָפּ — שקוריפּין!

שקוריפּין, וועלכער האָט געהאַלטן אין איין נישטערן און אַרומשמעקן דאָס גראָז, האָט פונדערווייטנס דערהערט דעם פייף און געלאָזט זיך לויפן נאָך מאַרינקען מיט נחן אין סאָד אַריין. נעבן גריבל איז נאָך געלעגן אויף דער ערד, ווי פאַרגעסן, דאָס קליינע העקל. מאַרינקע האָט דעם „פאָר־האַנג" אָפּגעוואָרפן אָן דער זייט.

— אַריין!

און אַלע דריי זיינען באַלד אין סאָד פאַרזונקען.

נח איז געלאָפן, שורשענדיק, געשטופּט זיך דורך געדיכ־טע, שטעכעדיקע קוסטעס און צווישן שאָטנדיקע ביימער. אַ לעבנס־לוסטיקער געזאַנג פון מאָרגן־פייגעלעך האָט אים איבערן קאָפּ געקלונגען, ווי די גלעזערנע קייטעלעך. אַ קילע,

זיסע פרישקייט האָט אים אויפגעמונטערט. ער לויפט — און ליכט־פלעקן, לענגלעך־קיילעכיקע, לייכטע און רירעוודיקע, ווי די גאָלדענע מייזעלעך, גליטשן זיך אים איבערן פּנים, קאָפּ און קליידער, אויף־און־אָפּ, אויף־און־אָפּ. ער פילט, ווי זיי קיצלען אים מחיהדיק און וואַרעם איבער די באַקן. דער הונט יאָגט אים איבער און לויפט פאָרויס, און עס דאַכט, ער האָט זיך פאַרפּלאָנטעט און ער צאַפּלט אין די נעצן פון צוזאַמענגעוועבטע ליכט און שאָטן — ניט אַרויסצוקריכן. אַראָפּגעבויגענע צווייגן מיט עפּל, שווער באַלאָדן, האָבן זיך אָן נחס קאָפּ אַ שטויס געטאָן און אַ רייס־אַראָפּ דאָס היטל. ווו ער גיט אַ וואָרף מיט אַן אויג, איז צו זען נאָר עפּל, עפּל, עפּל: אויבן עפּל און אונטן עפּל, אַרום און אַרום איבערן גראָז אַלץ בלאַנקען עפּל און עפּל. נעבן שטרויען־ביידל, אונ־טערגעבעט מיט שטרוי, ליגן אָנגעשאָטן גרויסע און קליינע בערגלעך מיט פיינע, שמעקעדיקע עפּל... „אויף די וויינשל־ביימער קוקן פון אונטער די בלעטער אַרויס פאַרגעסענע, איינזאַמע, שטאָק־שוואַרצע וויינשעלעך, קוקן שטילערהייט און ממזריש, ווי די לעבעדיקע אויגן; און דאָרט אין די קוסטעס פון אונטער אַ גרין בלעטעלע כאַפּט בגנבה אַ קוק אויף דער ווייסער וועלט אַרויס אַן איין־איינציק צנועדיק טרויבל פון אַ זיידענער מאַלינע...

נח איז געוואָרן ווי פאַרשכורט. די קילקייט פון די שאָטנס, דער געשמאַקער ריח פון די פרוכטן און דאס צווי־טשערן פון די פייגעלעך—דאָס אַלץ האָט אים באַרוישט און ווי פאַרדולט דעם קאָפּ. ער לויפט אום פראַנק־און־פריי פון בוים צו בוים, רייסט אָפּ אַן עפּל און בייסט אים באַלד אָן, וואַרפט אַ צווייטן אינגאַנצן אַוועק, לייגט אַ דריטן אין קע־שענע...

מאַרינקע זאָגט אים נישט קיין קרום וואָרט — פאַר־קערט, זי העלפט אים נאָך אויסקלייבן די שענסטע און די צייטיקסטע און שטופט אים טאַקע באַלד אָן אַ פולן שויס מיט פולע קעשענעס.

ווען נח איז ענדלעך צוריק אַהיים געקומען, פאַרשוויצט און פאַרסאַפּעט און איבערגליקלעך, די קעשענעס אָנגעפּאַקט מיט עפּל, באַרן און פלוימען, — האָט ער זיך ווידער נעבן טויער צונויפגעטראָפן מיטן פאָטער. אַ נס, וואָס חנינא־ליפּא האָט אים ניט באַמערקט: ער האָט גראָד באַדאַרפט העלפן עפּעס אַ פויער צו שטופן דעם פולן וואָגן מיט ברעטער פון הויף אַרויס. נח האָט זיך אָפּגעטראָגן גלייך אין שטוב אַריין. דאָס העקעלע האָט ער צוריקגעלייגט אונטערן בעט, אַז קיין פויגל האָט ניט געוווסט. און פאַר די עפּל מיט די באַרן מיט די פלוימען האָט ער שוין געפונען אַן אָרט אין שטאַל אויפן בוי־דעם, ווו ער האָט אין היי דאָס אַלץ פאַרבאַהאַלטן ביז אַ צייט...

איינמאָל האָט זיך נח ענדלעך אַראָפּגעכאַפּט צו שקו־ריפּינשטשיכען אויפן הויף. דאָס האָט אים מאַרינקע שטילינ־קערהייט און פאַרזיכטיק אַריינגעלאָזט, אַז די מומע זאָל, חלילה, נישט געוואָר ווערן. די ערשטע מינוט אויפן הויף ביי שקוריפּינשטשיכען האָט זיך פאַר נחן עפּעס ווי געעפנט אַ נייע וועלט. באַלד איז ער אַוועק צו דער שטאַל, ווו אַ העלפט איז אָפּגעצוימט פאַר די חזירים, אָנצוקוקן מוציקן. צו זיין באַדויערן, איז די שטאַל געווען פאַרשלאָסן, האָט ער דורך אַ שפּאַלט אַהין אַ קוק געכאַפּט. אַ שאַרפער ריח פון וואַרעמען מיסט האָט אים פון דער שטאַל אַרויס אַ זעץ גע־טאָן. אין דער האַלב־פינסטערניש פון שטאַל האָט ער מיט די אויגן אָפּגעזוכט מוציקן, וועלכער איז געשטאַנען איבער דער קאָרעטע און עפּעס אַזוינס געקייט.

נח איז געבליבן צוגעשמידט צום אָרט: „אוי, אוי, מו־ציקל״ — גלעט ער אים מיט אַ ווייך געפּעסטעט קולכל און קאָן זיך אין אים זאַט ניט אָנקוקן. פון שטאַל אַוועק איז ער צו צום פּלויט, געשטעלט זיך אויף די שפּיצן־פינגער, און דורך אַ לעכל אַ בליק געטאָן צום טאַטן אין הויף. אים האָט עס אויסגעוויזן מאָדנע ווילד, וואָס ער שטייט גאָר ביי דער גויע אויפן הויף און קוקט צום טאַטן. ווען דער טאַטע מיט דער מאַמען זאָלן עס וויסן!...

דעם טאַטנס הויף האָט אויך באַקומען איצט אין זיינע אויגן אַ ניי אויסזען. אַלץ זעט עפּעס דאָרט אויס ניט ווי פרי־ער, עפּעס קומט דאָרט אויס אַלץ קאַפּויר און ס׳האָט גאָר אַן אַנדער פּנים.

שש... אָט שטייט דער טאַטע אַליין.

„כי־כי־כי — צעלאַכט זיך נח אין דער שטיל, פאַררוקנ־דיק דעם קאָפּ צווישן די אַקסלען — דער טאַטע פאַרעט זיך דאָרט און ווייסט פון גאָרניט. אַז איך וויל, פאַרקרים איך מיר דאָס פּנים און שטעל אים אויס אַ צונג — קוקו! קוקו!״

חנינא־ליפּא דרייט אויס דעם קאָפּ פאַרווונדערט — נח דערשרעקט זיך און רוקט זיך אָפּ.

---

עס האָבן זיך אָנגעהויבן די רעגנס, דערנאָך — שנייען.

די מומע זיצט גאַנצע טעג אין שטוב, און מאַרינקע מאַכט פון הויף אַרויס קיין טראָט ניט. זי ציטערט פאַר דער מומען מיט אירע בייזע אויגן. אַז די מומע זעט, גייט זי אפילו צום פּלויט ניט צו. און ווען זי דערהערט אפילו ציי־טנווייז, דורך אַ שפּאַלט, נחס שטילן רוף — מאַכט זי זיך אויך נישט הערנדיק. פון סאַד צום פּלאַץ איז שוין אויך ניטאָ

קיין צוטריט: די שיכטן שניי פאַרשטעלן. דער פלאַץ איז, ווי געווייגלעך, אָנגעשאָטן ביז העכער האַלב מיט שניי — גאָר נישט דורכצוקריכן. אַ ווייסער ים!

נאָך פסח האָט חנינא-ליפא אָפּגעגעבן נחן אין חדר, און נח האָט שוין אַנדערע „געשעפטן".

עס ציִען זיך טעג און וואָכן — נישטאָ נח. מאַרינקע קוקט-אויס אויף אים אין סאָד, זוכט אים אויפן פלאַץ — נישטאָ!

— ווו איז ערגעץ נאָי? פאַרוואָס קומט ער ניט? — פרעגט מאַרינקע זיך אַליין...

---

און ווידער איז געוואָרן זומער.

מאַרינקע זיצט פאַרטראַכט און אַרום איר הערשט אַ טיפע זומערדיקע שטילקייט.

פלוצים, דערהערט זיך ביים שכן אויפן הויף אַ ווייבער. שער קוויטש: „נח! נח!!" — און מאַרינקע פאַרצאַפּלט זיך, לויפט גיכער צו צום פלויט. דאָס טויזנטסטע מאָל זוכט זי דאָרט אַ מינדסט שפּעלטיקל. שקוריפּין פּילט איר האָרץ און העלפט איר זוכן. ער לויפט-לויפט פּאָרויס, שפּאַרט זיך אָן אַלע מאָל אָן פּלויט מיט די פעדערשטע לאַפּעם, דראַפּעט און גראַבלט מיט די נעגל, שמעקט-שמעקט, — נאָר גאָרנישט געפינענדיק, גייט מאַרינקע שטיל צוריק צו דער פריזבע, נעמט שקוריפּינען אויף די קני אַרויף, קוקט אים אין די אויגן, און פּלוצים טוליעט זי דעם הונט שטייף צו צום שויס, דריקט אים צו און ציטערט מיט אַלע אברים:

— שקוריפּין, ווו איז נאָי?...

---